**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אינעוויייניגע עסן פראדוקציע סיסטעם אויף צו שטיצן אין-שטאטישע פאַרמעריי אין הארלעם**

***ניו יארק פאַווער אויטאָריטעט שליסט זיך אן מיט ׳האַרלעם-גראָון׳ און EPRI אין צוזאמגעארבעטע דעמאנסטראציע אויף אויסצולערנען ארטיגע יונגווארג איבער אין-שטאטישע פאַרמעריי, שטאנדהאפטיגקייט און ערנערונג***

***עסנווארג שאכטל פארזאמלונג אויף צו מאכן גרינצייג צו באקומען א גאנץ יאר פאר ארטיגע קאמיוניטי מיטגלידער***

***פראיעקט פארשונג שטודיע צו אינפארמירן קלימאט אקציעס, אפשאצן ענערגיע און ענווייראנמענטאלע תוצאות און מעסטן שעדליכע לופט-פארפעסטונג רעדוקציע***

***בילד פון אינעוויייניגע פארמעריי שאכטל צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אן אינעוויייניגע פאַרמעריי פראבע פראיעקט אין הארלעם וואס וועט העכערן וויפיל עס איז פאראן צו באקומען פרישע פרוכט און גרינצייג א גאנץ יאר פאר ארטיגע אונטערסערווירטע פאמיליעס און ווייטער הייבן נאציאנאלע פארשונג איבער אפטימאלע אינעוויייניגע וואוקס צושטאנדן און געוואקסענע פראדוקטן. אלס טייל פון א מולטי-סטעיט דעמאנסטראציע פינאנצירט דורך דער ניו יארק פאַווער אויטאָריטעט און געפירט דורך ענערגיע R&D אינסטיטוט EPRI, וועט דער גרעסטער טראנספארט קאנטעינער אינדרויסן פון א ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט געביידע העלפן קאמיוניטיס מאכן וואקסן פראדוקטן דורכאויס דעם יאר, אנטוויקלען געזונטע געוואוינהייטן און זיך לערנען איבער שטאנדהאפטיגקייט און ענווייראנמענטאלע נושאים. ׳האַרלעם-גראָון׳, אן ארטיגער נאָנפראָפיט, וועט פארוואלטן די עסנווארג פראדוקציע און שטיצן דיסטריביוּשען צו דער קאמיוניטי. דער פראיעקט וועט אויך אויספארשן וויאזוי צו העכערן די פראדוקציע און פארוואלטן הילפס-מיטלען און גלייכצייטיג רעדוצירן פארבינדענע שעדליכע לופט-פארפעסטונג און וואסער אויסניץ. דער פראיעקט העלפט פאראויס-פירן די צילן פון דעם ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳, וואס [פאדערט פון ניו יארק צו רעדוצירן איר גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונג]() מיט 40 פראצענט בעפאר 2030 און מיט נישט ווייניגער ווי 85 פראצענט ביז 2050.

״מיט גאנץ-יעריגע אינעוויייניגע פאַרמס, וועלן אונזערע קאמיוניטיס האבן די געלעגנהייט צו מאכן וואקסן פרישע, געזונטע פראדוקטן אויפ׳ן ארט אויף צו העלפן בויען א מער שטאנדהאפטיגן ניו יארק,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ אויסצומעלדן די היידראָפּאָניק גארטן אין הארלעם, וואס וועט פארזארגן געזונטע עסנווארג פאר ארטיגע פאמיליעס און העלפן אויסלערנען דעם קומענדיגן דור פון אין-שטאטישע פאַרמער. אזוי ווי מיר לערנען זיך מער איבער די ענווייראנמענטאלע און ענערגיע

ווירקונגען פון אין-שטאַטישע פּראָדוקטן-וואוקס, נעמט ניו יארק נאך א לאנד-וועגווייזיגן טריט אין פאראויס-פירן אונזערע ריינע ענערגיע און גרינהויז גאז רעדוקציע ציל.״

די ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט און פראיעקט ארגאניזירער האבן אפגעצייכנט דעם פראיעקט׳ס היינטיגער איינפירונג און געקומען זען דעם נייעם סיסטעם אין הארלעם — א הײדראָפּאָניק גרינהויז וואו עס וואקסט פּראָדוקטן אין אן ערדלאזע סביבה. אלס טייל פון א נאציאנאלע צוזאמגעארבעטע פארשונג באמיאונג אנגעפירט דורכ׳ן נאָנפּראָפיט EPRI, וועט דער הארלעם פאַרמעריי פראיעקט העלפן העכערן לערנונגען איבער די ענווייראנמענטאלע, ענערגיע און קאמיוניטי תוצאות פון אינעווייניגע אגריקולטור. די לערנונגען וועלן העלפן געבן בעסער און ברייטער צו פארשטיין די שטאַנדהאַפטיגקייט פון ארטיגע, אינעווייניגע פּראָדוקטן-וואוקס, אריינגערעכנט ענערגיע און וואסער באנוץ. געפינסן וועלן אויך העכערן קאמיוניטי פארבינדונג, צושטעלן בילדונגס געלעגנהייטן אויף טעכנאלאגיע און אגריקולטור, סטימיולירן ארטיגע דזשאב שאפונג און פארברייטערן ארטיגע פּראָדוקטן-וואוקס געלעגנהייטן.

ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ס ענווייראנמענטאלע יוסטיץ מאנשאפט, וואס פינאנצירט דעם 250,000 דאלערדיגן פראגראם מיט ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ס פארשונג, טעכנאלאגיע אנטוויקלונג און אינאוואציע פראגראם, האט ערלעדיגט דאס פלאצירן דעם 40-פיסיגן טראנספארט קאנטעינער אנגעצייכנט ״ פלאנצן פרוכטן און גרינסן. מאכן וואקסן געזונטע קאמיוניטיס.״ דער אינדרויסנדיגער וועטער-קעגנשטאנדיגער קאנטעינער איז אין אן אפענער לאַט נעבן 140׳סטע סטריט, הארט נעבן דעם P.S139. סיניאָר צענטער, וואס ווערט יעצט איבערגעביטן אויף אן אינדרויסנדיגער גארטען און צוזאמקונפט ארט.

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ס צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאָל האט געזאגט,** ״די ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט שטאלצירט זיך צו זיין אן אקטיווער שטיצער און צוזאמארבעטער אין פארזארגן ארטיג-געוואקסענע געזונטע רעסאָרסן צו די קאמיוניטיס ארום די איינריכטונגען. אויסלערנען יונגע לייט און גלייכצייטיג פארבעסערן אינדוסטריע פירונגען און פּראָדוצירן געזונטע פּראָדוקטן-וואוקס איז א געווינס פאר יעדן. אלס א יוטיליטי, איז דאס קלוגע באניץ שטענדיג דער ערשטער ציל און מיר ווילן פארשטיין וויאזוי אינעווייניגע עסנווארג פּראָדוקציע וועט באווירקן דעם סטעיט׳ס גריד און עלעקטרישע קראפט באניץ און גלייכצייטיג אויך פארזארגן א פארלעסליכע גאנץ-יעריגער עסנווארג קוואל פאר ארטיגע פאמיליעס.״

**סטעיט סענאטאר קארדעל קליער האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו שטיצן די המצאה׳דיגע ארבעט פון גאווערנער האוקול און ׳האַרלעם-גראָון׳ וועלכע האבן אן אינאוואטיווע, בילדונגס, ענווייראנמענטאל-באוואוסטזיניגע און פעאיג-נאכמאכנדע מוסטער וואס קען אויסלערנען אונזער יונגווארג אומשאצבארע פעאיגקייטן און לעקציעס — ווי אויך צו פארזארגן פאר פאמיליעס ארטיג-געוואקסענע פּראָדוקטן. עס איז מיין ערנסטער האפענונג אז די סארטן ארטיגע פראיעקטן בליען אינאיינעם מיט אנדערע נייטיגע אינוועסטירונגען אין אונזער קאמיוניטי ווי צ.ב.ש. ווירקליך צוגענגליכע האוזינג.״

דער הארלעם פראיעקט וועט אפערירן א געענדערטע און שטארק אינסולירטע טראנספארט קאנטעינער אלס א קאנטראלירטער ענווייראָנמענט ארט וואס ניצט עלעקטרישע טעכנאלאגיעס צו מאכן וואקסן פרישע, ארטיגע גרינסן א גאנץ יאר. אין צוגאב צו פארבעסערן ארטיגע צוטריט צו פרישע פּראָדוקטן, אינעווייניגע אגריקולטור האט געצייגט אז עס רעדוצירט טראנספארט קאסטן און רעדוצירט אדער עלימינירט דאס באנוץ פון פאָסיל-ברענשטאף אינעם פּראָדוצירן פּראָדוקטן. אינעווייניגע אגריקולטור קען אויך רעדוצירן אדער עלימינירן די נויט פאר פעסטיסיידס, און שטארק רעדוצירן וואסער באנוץ פאר געוויסע פּראָדוקטן-וואוקס.

פראדוקטן וועלן וואקסן און אויסגעטיילט ווערן דורך ׳האַרלעם-גראָון׳, א נאטורליכע צוזאמארבעטער אין דעם פראיעקט, בשעת עס אפערירט פיר צענטראלע פאַרמס, צוויי הײדראָפּאָניק גרינהייזער און זעקס צוזאמארבעט גארטנס וואס פארזארגט איבער 5,000 פונט עסנווארג אומזיסט צו דער הארלעם קאמיוניטי יעדעס יאר. אין צוגאב, זוכט די ארגאניזאציע צו באווירקן דער גאנצער קאמיוניטי דורך מענטארשאפט און צוזאמארבעט. עס טוט אנבאטן אומזיסטע ערנערונג בילדונג פראגראמען אויף אירע פאַרמס פאר קינדער און ערוואקסענע, וואו קאמיוניטי מיטגלידער לערנען זיך צו פלאנצן, ערנערן און זאמלען אלע פרוכט און גרינסן. עס פירט אויך אן מאביל אויסשול קיך צו ברענגען עסנווארג בילדונג און קאכן קלאסן צו דערנעבנדע הארלעם סקולס, האוזינג אנטוויקלונגען און קאמיוניטי ארגאניזאציעס.

**גרונדער און CEO פון ׳האַרלעם-גראָון׳ טאָני הילערי האט געזאגט,** ״מיר זענען פארעהרט און באגייסטערט צו האבן א חלק אין דעם רעוואלוציאנערישן פראיעקט אין אין-שטאטישע פאַרמעריי אינאיינעם מיט ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט, EPRI און ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט. ׳האַרלעם-גראָון׳ עקזיסטירט פאר דער קאמיוניטי, און די אינעווייניגע עסנווארג פראדוקציע סיסטעם גיבט אונז מער געלעגנהייטן צו ארבעטן מיט גרופעס אין יעדן עלטער — פון אונזערע יונגע לייט ביז אונזערע סיניארס אין דעם געגנט. אונזער ארט פאר פאַרמעריי איז באגרעניצט אין דער שטאט כדי אז מיר דארפן זיין אינאוואטיוו און פאראויס-קלערנד איבער אופנים צו פארזארגן פרישע, ארטיג-פראדוצירטע עסנווארג א גאנץ יאר. דער פראיעקט איז איבער מער ווי בלויז פאַרמעריי; דאס איז איבער עסנווארג און ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט און עסנווארג יוסטיץ.״

אחוץ איבערקוקן פאַרמעריי פירונגען, וועט דער פראיעקט אויך אפשאצן וויאזוי אינעווייניגע עסנווארג פראדוקציע קענען באווירקן דעם סטעיט׳ס עלעקטרישע קראפט און יוטיליטי גריד. בּאאבאכטן דאס באנוץ פון עלעקטרישע קראפט און וואסער, טעכנאלאגיע אינאוואציעס, און שטאנדהאפטיגקייט רעכענונגען וועל העלפן באשטימען וויאזוי אינעווייניגע עסנווארג פראדוקציע איינריכטונגען און ענערגיע פארזארגער קענען אמבעסטן ארבעטן אינאיינעם.

**דירעקטאר פון שטאנדהאפטיגקייט און עקא-סיסטעם אפּוטרופּוס׳שאפט ביי EPRI מארגען סקאט האט געזאגט,** ״קאנטראלירטע ענווייראָנמענט אגריקולטור איז א געביט פון פארשונג מיט שטארקע פאטענציעל וואו קאמיוניטיס און ענערגיע צוזאמארבעטער קענען העלפן בויען מעג שטאנדהאפטיגע אגריקולטור מעטאדן וועלכע וועלן ארטיג בענעפיטירן די קאמיוניטיס וועמען זיי סערווירן. מיר קוקן ארויס צו פארברייטערן אונזער צוזאמארבעט מיט ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט אין הארלעם און פאר דער ברייטערער ניו יארק קאמיוניטי.״

הארלעם שליסט זיך אן מיט איבער א טוץ קאנטראלירטע סביבה פאַרמס וואס EPRI שטודירט איבער׳ן גאנצן לאנד, אריינגערעכנט אן ענליכן פראבע פראיעקט אנגעהויבן אין 2020 אויף צו סערווירן דעם מעטראָ באפעלאו געגנט. ביז היינט האט דער באפעלאו פאַרם צוגעשטעלט איבער 1,200 פונט קעיל וואס איז אויסגעטיילט געווארן פאר ארטיגע פאמיליעס אלס טייל פון פרידמאר WNY׳ס ערנערונג פראגראמען.

די ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ס ענווייראנמענטאלע יוסטיץ מאנשאפט באט אן בילדונגס פראגראמען איבער ריינע, באנייבארע ענערגיע און שטאנדהאפטיגקייט, און פארזארגט הילפס-מיטלען נאכצוקומען די געברויכן פון אונטערסערווירט קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן וואס געפונען זיך נעבן NYPA׳ס ענערגיע קראפט אייגנטומען. NYPA אפערירט קליינע ריינע עלעקטרישע קראפט פאבריקן ביי זעקס ערטער אין ניו יארק סיטי. דער מאנשאפט וועט דורכפירן וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינזשינערונג און מאטעמאטיק, אדער STEM, פראגראמען און ארגאניזירן קאמיוניטי צוזאמקונפטן מיט ׳האַרלעם-גראָון׳ יונגווארג.

**וויצע פרעזידענט פון ענווייראנמענטאלע יוסטיץ ליסע פעין וואנסלי האט געזאגט,** ״ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט ארבעט צו פארבעסערן די לעבנס פון מיטגלידער פון די ארטיגע קאמיוניטיס וואו מיר אפערירן דורך פארזארגן פראגראמען און רעסאָרסן וואס זיי וואלטן אנדערש נישט געהאט. אינעווייניגע עסנווארג פראדוקציע איז אן אויפשטייגנדער אינדוסטריע און די לערנונגען פון דעם נאציאנאלן דעמאנסטראציע קענען האבן א גרויסער השפעה אויף קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן. שטאנדהאפטיגקייט און ׳גרינע׳ טעכנאלאגיע האבן די פאטענציעל צו העכערן גאנץ-יעריגע צוטריט צו פרישע ארטיגע פראדוקטן, רעדוצירן וואסער און פעסטיסייד באנוץ און אונטערהייבן עסנווארג סעקיוריטי פאר פילע פון אונזערע נויטבאדערפטיגע שכנים.״

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו ערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 35 ביליאן דאלער אין 120 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418